# מיט א טיפערן בליק

## ראש השנה תשפ"ו

## בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר שטייען אצינד ביים שוועל פונעם גרויסן הייליגן יום טוב ראש השנה, די טאג אין וועלכע השי"ת משפט די וועלט, וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, און גלייכצייטיג זענען מיר איהם ממליך און נעמען אָן די עול מלכותו יתברך אויף אונז. לאמיר זיך אביסל אפשטעלן און מתבונן זיין אין עטליכע נקודות פון ענינא דיומא וואס וועלן אונז בעזר השי"ת העלפן באלייכטן דעם יום טוב מיט א שטארקע אור.

איינס פון די זאכן וואס פארנעמען א גרויסע ארט ביי אונז, איז די פשוט'ע שאלה, "וואס דארף זיין די מחשבה פון א איד ראש השנה?" וואס דארפן מיר טראכטן? וואס איז די עיקר עבודה און נקודה פון ראש השנה.

צווישן די מצוות היום פארנעמט די הויפט ארט די מצוה פון תקיעת שופר וואס כלל ישראל איז מקיים בדחילו ורחימו מיט גרויס התעוררות. "רחמנא אמר תקעו" השי"ת האט אונז געגעבן די מצוה און געהייסן בלאזן, יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם, און מיר זענען עס מקיים מיט גרויס הידור ווי חכמינו ז"ל האבן אונז געלערנט, מיר בלאזן מֵאָה קולות כדי יוצא צו זיין אלע וועגן און אלע אופנים.

**פארוואס איז די מצוה דווקא מיט'ן שופר?**

עס איז אינטערסאנט צו באמערקן א שטיקל פלא, אין די תורה הקדושה געפונען מיר אז 'חצוצרות' האבן פארנומען א חשוב'ע פלאץ סיי אין משכן און אזוי אויך אין בית המקדש. ווי עס שטייט אין פרשת בהעלותך (י' ב') עֲשֵׂה לְךָ שְׁתֵּי חֲצוֹצְרֹת כֶּסֶף... וְהָיוּ לְךָ לְמִקְרָא הָעֵדָה, השי"ת באפעלט פאר משה רבינו צו מאכן צוויי זילבערנע טראמפייטערס, און דאס זאל מען נוצן יעדעס מאל מען וויל צוזאמרופן די אידישע קינדער, אזוי אויך איידער מ'האט זיך געצויגן פון איין פלאץ צום צווייטן אין מדבר איז געווען א מצוה צו בלאזן מיט די חצוצרות.

צווישן אנדערע זאגט דארט די תורה "וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם וּבְמוֹעֲדֵיכֶם וּבְרָאשֵׁי חָדְשֵׁכֶם וּתְקַעְתֶּם בַּחֲצֹצְרֹת עַל עֹלֹתֵיכֶם וְעַל זִבְחֵי שַׁלְמֵיכֶם וְהָיוּ לָכֶם לְזִכָּרוֹן לִפְנֵי אֱלֹקֵיכֶם" יעדן שבת, יום טוב, און ראש חודש, נאכן מקריב זיין די קרבן מוסף האט מען געזינגן שירה און געבלאזן מיט חצוצרות, און דאס טוט כביכול ארויפברענגן אונזער זכרון פארן אייבישטער. ווי אויך ווען מ'איז ארויס אין מלחמה קעגן די פיינט איז א מצוה צו בלאזן מיט די חצוצרות. אין חז"ל געפונען מיר אז ווען מ'האט געזאלבט א נייע קעניג האט מען אויך געבלאזן מיט טראמפייטערס.

אויב אזוי וואלט געווען א מקום צו פרעגן, פארוואס אום ראש השנה, די איינציגסטע מאל ווען מיר האבן א מצוה צו בלאזן בזמן הזה, האט השי"ת אונז געהייסן בלאזן דווקא מיט א שופר און נישט מיט חצוצרות? וואס באדייט די שופר און וואס איז עס אונז מרמז?

**די פארשידענע טעמים אויף מצות תקיעת שופר**

נאך לאמיר מעיין זיין, וואס איז די טעם פון מצות תקיעת שופר? אז מיר קוקן אריין אין די ווערטער פון חז"ל געפונען מיר אז דאס קומט צו דערמאנען עקידת יצחק. ווי די גמרא זאגט אין **מסכת ראש השנה** (ט"ז.) דעריבער נוצט מען די שופר פון אן אַיִל, א ווידער, "אמר רבי אבהו למה תוקעין בשופר של איל, אמר הקב"ה תקעו לפני בשופר של איל כדי שאזכור לכם עקידת יצחק בן אברהם, ומעלה אני עליכם כאילו עקדתם עצמכם לפני". וויבאלד נאך די מעשה פון עקידת יצחק שטייט וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה אַיִל אַחַר נֶאֱחַז בַּסְּבַךְ בְּקַרְנָיו וַיֵּלֶךְ אַבְרָהָם וגו' וַיַּעֲלֵהוּ לְעֹלָה תַּחַת בְּנוֹ, אברהם אבינו האט באמערקט דארט א ווידער, און ער האט עס גענומען און מקריב געווען פאר א קרבן עולה אנשטאט זיין זוהן יצחק. אלס זכר צו דעם באנוצן מיר זיך מיט'ן הָאָרן פון אן איל, כדי צו דערמאנען די זכות פון עקידת יצחק.

צווישן די באקאנטע טעמים וואס **רבינו סעדיה גאון** רעכנט אויס אויף די מצוה פון תקיעת שופר, איז דער טעם אלס א זכר צום קול שופר וואס האט געבלאזן ביי מתן תורה. ווי מיר הייבן טאקע אָן ביים דאווענען ראש השנה די פסוקים פון שופרות, "אַתָּה נִגְלֵיתָ בַּעֲנַן כְּבוֹדְךָ עַל עַם קָדְשְׁךָ לְדַבֵּר עִמָּם, מִן הַשָּׁמַיִם הִשְׁמַעְתָּם קוֹלֶךָ... בְּהִגָּלוֹתְךָ מַלְכֵּנוּ עַל הַר סִינַי לְלַמֵּד לְעַמְּךָ תּוֹרָה וּמִצְוֹת, וַתַּשְׁמִיעֵם אֶת הוֹד קוֹלֶךָ וְדִבְּרוֹת קָדְשְׁךָ מִלַּהֲבוֹת אֵשׁ בְּקוֹלוֹת וּבְרָקִים עֲלֵיהֶם נִגְלֵיתָ וּבְקוֹל שׁוֹפָר עֲלֵיהֶם הוֹפָעְתָּ" און מ'דערמאנט ווייטער די פסוקים וואס שטייען ביי מתן תורה. [אגב, אין **פרקי דרבי אליעזר** (סוף פרק ל') ווערט געברענגט אז הקב"ה האט גענומען די לינקע הָאָרן פונעם אויבנדערמאנטן איל וואס אברהם אבינו האט געטראפן נאך די עקידה, און דאס האט ער אוועקגעלייגט און גענוצט אלס די שופר ביי מתן תורה. און די רעכטע הארן פון יענעם איל איז גרעסער ווי די לינקע, דאס איז אוועקגעלייגט אויף לעתיד לבוא, ווען משיח וועט קומען, וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל].

נאך געפונען מיר אין **גמרא** (ר"ה ל"ג:) אז די קול וואס מיר בלאזן מיט'ן שופר דארף זיין ווי א קול פון א קרעכץ און א יְלָלָה. ווייל אויף די ווערטער (במדבר כ"ט א') יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם, זאגט דער **תרגום** "יוֹם יַבָּבָא יְהֵי לְכוֹן", יבבא איז א לשון פון וויינען און קרעכצן. ווי די גמרא איז מאריך אז עס זענען פאראן צוויי וועגן וויאזוי מענטשן וויינען און קרעכצן, עס איז דא מער א שטאַטע וועג פון קרעכצן "גנוחי גנח" ווען יעדע קול קומט ארויס מיט א שטארקייט, דעריבער מאכן מיר א 'שברים' וואס איז דריי לענגערע קרעכצן. דערנאך איז דא "ילולי יליל" ווי א מענטש וואס וויינט און כליפעט מיט אסאך קורצע קולות איינס נאכן אנדערן, דעריבער מאכן מיר א 'תרועה'.

איז משמע פון דעם אז די קול שופר איז א ענין פון וויינען און קלאגן, בפשטות קומט עס אונז מעורר זיין צו וויינען.

ווייטער אין **רמב"ם** געפונען מיר א פערטע טעם, אז די מטרה פונעם שופר איז צו 'אויפוועקן' א איד פון זיין טיפע שלאָף און פון זיינע שלעכטע מעשים, תשובה צו טוהן, ווי דער רמב"ם שרייבט אין הלכות תשובה, אז כאטש די מצוה פון תקיעת שופר איז א גזירת הכתוב, דאָך אבער האט עס אין זיך א רמז אז דער קול פונעם שופר קומט אויפוועקן דעם מענטש און שרייט אויס צו איהם **"עוּרוּ**

**יְשֵׁנִים מִשְּׁנַתְכֶם וְנִרְדָּמִים הָקִיצוּ מִתַּרְדֵּמַתְכֶם" וועקט אייך אויף פון ענקער שלאף און דרימל.**

האבן מיר דא א סך הכל פון פיר באזונדערע טעמים אויף די מצוה פון תקיעת שופר. זענען די אלע טעמים א סתירה איינס מיט די אנדערע? אדער איז פאראן א שייכות צווישן זיי?

**ווען עס איז פאראן א ריכטיגע קשר און אהבה**

כדי צו פארשטיין דעם ענין, לאמיר אויסשמועסן א יסוד אין עבודת השי"ת, א זאך וואס מיר אלע ווייסן, אבער עס איז כדאי מרחיב צו זיין דעם דיבור אביסל אין דעם נושא.

יעדע 'קשר' אין די וועלט וואס איז פאראן צווישן צוויי מענטשן, צו זאל עס זיין צווישן צוויי חברים, צווישן א טאטע און א קינד, בין איש לאשתו, אדער סיי וואס, איז דא צוויי אופנים וויאזוי די קשר און שייכות קען פאַרקומען. עס איז פאראן אזעלכע וואס האבן בלויז א 'פראַקטישע' קשר, יעדער איינער איז פארנומען צו טוהן פארן צווייטן דאס וואס עס פעלט זיך אויס, מען פירט אויס אלע באשטימטע מיסיעס ווי א ראבאט וועלכע טוט וואס מען הייסט איהם. דאס איז א קשר אָן קיין הארץ און געפיל, עס איז געבויעט בלויז אויף ארלעדיגן און אויספירן מעשים איינער פארן אנדערן, און דער מענטש מעסט זיך כסדר אויב ער האט שוין גענוג געטוהן, אויב האט ער שוין יוצא געווען זיין פליכט און ער קען זיך גיין ווייטער זיין וועג.

פארשטייט זיך אז אזא קשר האט נישט קיין טיפע באדייט, און איז נישט מער ווי א חיצוניות'דיגע פארבינדונג צווישן די צוויי מענטשן. עס איז נישט קיין אמת'ע קשר וואס פאראייניגט זיי מיט אהבה און ליבשאפט.

די ריכטיגע קשר איז דוקא ווען עס קומט מתוך אהבה, עס קומט פון א אינערליכע אָרט, פון ליבשאפט און געטריישאפט. ווען מען טוט איינער פארן אנדערן מיט א געפיל פון אהבה, דאן האט עס נישט קיין גבול אדער שיעור, וויפיל מען טוט איז מען נישט צופרידן און מען איז גרייט צו טוהן נאך און נאך, מען זוכט נישט קיין וועג ארויס. דער מענטש איז נישט דא סתם 'אויף יוצא צו זיין' און לויפן ווייטער, אדרבה, ער האט הנאה צו טוהן פאר זיין חבר, קינד, מאן/ווייב, עס איז נישט לעול ולמשא פון וואס מען וויל פטור ווערן.

ווי מיר האבן דערמאנט איז דאס א יסוד נפלא אין עבודת השי"ת. צומאל קלערט א מענטש ביי זיך אז ער איז 'מקושר' צום רבונו של עולם און ער איז א ריכטיגער עובד השי"ת, ווען אין פאַקט איז ער ליידער גאר ווייט פון די אמת'ע התקשרות. ער טוט מצוות און מעשים טובים אויף יוצא צו זיין, ער וויל שטענדיג פטור ווערן פונעם עול ח"ו, ער טוט עס נישט מיט א ברען און געפיל ווי עס דארף צו זיין.

זייער אסאך מאל הערט מען אזא סארט שפראך פון מענטשן, "אויב וועל איך טוהן אזוי און אזוי, האב איך נישט עוֹבֵר געווען"... ער זוכט פשוט 'אדורכצושטופן' זיין התנהגות אז ס'זאל נישט הייסן קיין גראבע עבירה, און מיט דעם איז ער שוין צופרידן. משל למה הדבר דומה, ווי איינער וואס ציעט אויס א בענדל דאס מערסטע וואס ער קען, ער שלעפט און ער ציט אויף אלע זייטן מיט די האפענונג אז עס וועט זיך נישט איבעררייסן, אז ס'געלונגט

געלונגט, און אז נישט זעהט אויס איז אויך נישט געפערליך, ווייזט אויס אז ס'וועט איהם נישט צופיל שטערן.

אויב א איד דינט דעם אייבישטער בשלימות, טראגט עס נישט אזא צורה. אדרבה, ער זוכט שטענדיג מהדר צו זיין און טוהן דאס בעסטע וואס איז שייך, ער אנטלויפט פון יעדע ספק און זוכט זיך נישט ארויסצודרייען. זיין עבודה איז אויף א אופן פון "נַפְשִׁי חוֹלַת אַהֲבָתֶךָ", מיט געגועים צום אייבישטער פיל מיט אהבה און השתוקקות. ער וויל טוהן וואס מער, און באגנוגט זיך קיינמאל נישט מיט דאס ביסל וואס ער האט שוין געטוהן, עס איז א קשר פון אהבה און פנימיות'דיגע בענקעניש וואס שטילט זיך נישט אפ.

**די צייט צו באנייען דעם קשר און ממליך זיין השי"ת**

אצינד ווען עס קומט צו גיין דער יום טוב ראש השנה, דער זמן ווען מיר זענען מקבל אויף זיך עול מלכות שמים פון פריש, און מיר זענען כביכול ממליך דעם אייבישטער אויף זיך, דאס איז די צייט ווען מיר דארפן אויך מחדש זיין אונזער עבודה פון דאסניי.

דורכאויס דעם לאנגן יאר קען טאקע די התחדשות ווערן פארלאשן, דער מענטש ווערט ליידער אביסל דערוויייטערט און פאלט אריין אין א 'טעכנישע' קשר מיט'ן רבונו של עולם פון טוהן מצוות בלויז אויף יוצא צו זיין. ער פארלירט דעם געפיל פון אהבה און בענקעניש צום טאטן אין הימל.

ראש השנה איז אבער די זמן ווען מיר אידן שרייען אויס "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ" מיר דערמאנען זיך צוריק אין אונזער טאטע, אונזער קעניג, אונזער באשעפער, "אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אָתָּה" ער איז אונזער קעניג און אויסער איהם האבן מיר גארנישט. עס איז די זמן ווען מ'באנייט די קשר פון פריש און מ'הייבט אָן פון דאסניי. אזויווי מיר דערמאנען טאקע אין די פסוקים פון מלכיות, די גדלות און דערהויבנקייט פון השי"ת; דאס זענען נישט קיין פסוקים פון עונשים און מורא, פארקערט, פסוקים פון גרויסקייט און רוממות, די שיינקייט און טייערקייט פונעם אייבישטער'ס מלוכה צו וואס מיר זענען משתוקק מיט אהבה און רצון.

ווי עס מרומז אינעם ענין וואס חז"ל זאגן אונז אז דערפאר ליינט מען די פרשה פון די תוכחה (אין פרשת כי תבוא) איידער ראש השנה, כדי ס'זאל זיין "תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ" עס זאלן זיך ענדיגן די קללות פונעם אלטן יאר, און ס'זאל זיך אנהייבן א נייע יאר פיל מיט ברכה. וואס איז די סיבה פון די תוכחה? שטייט אין פסוק "תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב", דאס וואס דער איד דינט דעם אייבישטער מיט פאַרלאָשנקייט, מיט א שוואכע געמיט אָן קיין געפיל פון שמחה און חיות. **דאס דארפן מיר ענדיגן ווען עס קומט ראש השנה, יעצט איז שוין די צייט פון תכלה שנה וקללותיה, מיר מוזן פארענדיגן די קללה פון די תוכחה, און זיך פארבעסערן אין דעם הינזיכט, יא צו דינען השי"ת בשמחה ובטוב לבב, מיט א שמחה און א געפיל, אזוווי מען טוט פאר איינעם וואס מען האט ליב מיט אן אמת.**

**די הייליגע פנימיות עקזיסטירט אין יעדער איד**

און דער אמת איז, אז די השתוקקות און געגועים פון זיין נאנט צו השי"ת און טוהן זיין רצון מיט א חיות און שמחה, ברענען טיף אינעווייניג אין יעדע אידיש הארץ. מיר אידישע קינדער זענען בנים למקום און אונזער נפש לעכצט און בענקט טיף אינעווייניג צו אבינו מלכנו. ליידער שפירן מיר דאס נישט אזוי

שטארק דורכאויס'ן יאר, אבער בפנימיות געפונט זיך עס אין יעדן איינציגסטן איד.

צומאל זעהט מען געוויסע מענטשן פאלן אריין אין פארשידענע תאוות, עדיקשאנס, אדער סתם נארישקייטן, ווען מ'לויפט נאך שטותים און קטנות'דיגע זאכן. דאס קומט פון א אינערליכע דארשט, די נשמה רופט און בענקט, עס קאכט אין איהם א הייליגע פייער און ער קען עס נישט שטילן. **צום באדויערן פארשטייט נישט דער מענטש וואס עס קאכט אין איהם, ער דערהערט נישט דעם הייליגן רוף, און דערפאר פרואווט ער אנצופילן זיין נפש מיט אנדערע זאכן. ער ווילן נעבעך שטילן זיין דארשט אבער ווייסט נישט וויאזוי,** ער ווענדט אָן אלע מיטלען צו טרעפן אזא סארט סיפוק אדער יענע סארט הנאה, ער כאפט אבער נישט אז דאס אלעס וועט איהם נישט העלפן שטילן זיין דארשט, ווייל נישט דאס זוכט זיין נפש, ווילאנג ער וועט נישט טרעפן דעם אייבישטער, דעם נַפְשִׁי חוֹלַת אַהֲבָתֶךָ... "אָז תִּתְחַזֵּק וְתִתְרַפֵּא וְהָיְתָה לָּהּ שִׂמְחַת עוֹלָם" נאר דעמאלטס וועט זיך זיין נפש אויסהיילן און זוכה זיין צו שפירן א אמת'ע תענוג און פרייד.

אז מיר וועלן זיך אומקוקן ווען מיר באמערקן אז עכטע ערליכע אידן, די וואס דינען השי"ת מתוך אהבה און שמחה, זענען די צופרידנסטע מענטשן אויף די וועלט, זיי דארפן גארנישט. עס פעלט זיי נישט קיין שום מוּתֶּרֶת אדער תאוות עולם הזה, וויבאלד זייער נפש איז שטענדיג זאַט, זייער פנימיות איז אנגעפילט מיט סיפוק און צופרידנקייט, ווייל זיי דערהערן דעם אינערליכן רוף פון זייער נשמה, און זיי ערפילן דאס אויפן ריכטיגן אופן.

צומאל זעהט מען אז נשמות וואס זענען געווען פארקראָכן אין די ווייטסטע מקומות, זיי האבן זיך שוין געפונען אין שאול תחתית רח"ל, פלוצלינג ווען עס ערוועקט זיך אין זיי די הייליגע פינק, די נקודה פנימית, מאכן זיי א טויש מן הקצה אל הקצה, זיי ווערן נתהפך לטובה אויף א וועג וואס מ'קען נישט מסביר זיין, זיי ווערן דערנענטערט צו קדושה מיט א שנעלן גאלאפ אז מ'דארף זיי ממש בארואיגן, מ'דארף אפשטעלן זייער געלויף וואס גייט צו שנעל. וויאזוי קען זיין אזא זאך? פון וואו קומט דאס? נאר דער תירוץ איז לויט ווי מיר האבן פריער געשמועסט. די נפש האט געלעכצט און געבענקט די גאנצע צייט, עס האט געברענט אין זיי אזא שטארקע צִמָּאוֹן און דארשט וואס האט זיי נישט געלאזט קיין מנוחה, זיי האבן עס נאר נישט גוט אפגעטייטשט און נישט געוואוסט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן דערמיט. ווי נאר זיי דערהערן דעם אור ה' און וועקן זיך אויף צום אייבישטער, ווערן זיי באמת נתקרב אויף א שטארקן פארנעם, ווייל זיי האבן ענדליך געפונען דאס וואס זיי האבן אזוי לאנג געזוכט. איינמאל די אהבה וועקט זיך אויף און געפונט דאס ריכטיגן פלאץ, איז נישט דא קיין שום זאך וואס קען איר אפשטעלן, עס ווערט באמת א בחינה פון "נַפְשִׁי חוֹלַת אַהֲבָתֶךָ".

**אלע טעמים פון תקיעת שופר זענען איינס!**

דערמיט קומען מיר צוריק צום שופר ראש השנה. די ערשטע מאל וואו מיר געפונען א שופר אין די תורה איז ביי עקידת יצחק ווי דערמאנט, וַיַּרְא וְהִנֵּה אַיִל אַחַר נֶאֱחַז בַּסְּבַךְ בְּקַרְנָיו. די עבודה פון אברהם אבינו ביים עקידה איז די בעסטע דוגמא פון דינען דעם אייבישטער מיט אמת'ע אהבה, נַפְשִׁי חוֹלַת אַהֲבָתֶךָ.

ווי נאר אברהם אבינו איז בייגעשטאנען דעם נסיון העקידה און השי"ת האט איהם געהייסן נישט שחט'ן יצחק, וואלט אברהם אבינו געקענט פאַקן פעק און אהיימלויפן. וואס נאך דארף א מענטש ווען א מלאך זאגט איהם "אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל הַנַּעַר... כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי יְרֵא אֱלֹקִים אַתָּה" עס איז קלאר אויפגעוויזן געווארן אז דו ביסט א ירא שמים און דו ביסט בייגעשטאנען דעם שווערן נסיון! א צווייטער אין זיין פלאץ וואלט זיך געפריידט מיט די דערגרייכונג, און אדרבה, ער וואלט וואס שנעלער אוועקגעאנגען פון דארט כדי מ'זאל איהם נישט אויספראבירן פון הימל מיט נאך א נסיון.

אבער אברהם טוט בכלל נישט אזוי, ווי נאר ער באמערקט דעם ווידער לויפט ער דאס מקריב זיין פאר א קרבן, וַיַּעֲלֵהוּ לְעֹלָה תַּחַת בְּנוֹ. ווי **רש"י** ברענגט אין חומש וואס חז"ל דערציילן אונז, אברהם אבינו האט געהאט אזא השתוקקות צו טוהן דעם רצון השי"ת, אז ווען דער מלאך האט איהם באפוילן נישט צו שחט'ן יצחק, איז ער געלאפן מקריב זיין דעם איל מיט די גאנצע ברען און חשק, און ביי יעדע זאך וואס ער האט געטוהן מיט'ן איל האט ער מתפלל געווען און געזאגט "יהי רצון שתהא זו כְּאִלּוּ היא עשויה בבני, כאלו בני שָׁחוּט, כאלו דמו זָרוּק, כאלו הוא מוּפְשָׁט, כאלו הוא נקטר ונעשה דשן", ער האט זיך מְצַיֵּיר געווען און פאָרגעשטעלט כאילו ער פירט זיין זוהן יצחק צו די שחיטה, כאילו ער שפריצט יעצט זיין בלוט, און אזוי ווייטער ביי יעדע פעולה, וויבאלד עס האט געברענט אין איהם אזא אהבה און תשוקה מקיים צו זיין דעם ציווי השי"ת, און דערפאר האט ער אלעס געטוהן "תַּחַת בְּנוֹ" ווי למשל ער טוט דאס יעצט מיט זיין אייגענעם קינד.

ביי מתן תורה איז געווען די זעלבע בחינה מצד דעם אייבישטער צו אונז. דער אייבישטער האט אונז אויסגעוועלט און מקרב געווען צו זיך מיט די גרעסטע מאס ליבשאפט, וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים, וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ, און אונז געגעבן די הייליגע תורה צו וואס אפילו די מלאכים אין הימל האבן נישט זוכה געווען.

**דאס קומט דער שופר ערוועקן אין אונז! דער שופר רופט און שרייט אריין טיף אין יעדע אידיש הארץ, רבי איד וועק זיך אויף! עורו ישנים משנתכם, הייב אָן צו דערהערן די אינערליכע הייליגע רוף פון דיין נשמה, ווייס וואס דו פארמאגסט אין זיך.** מיר האבן געהאט א זיידע אברהם אבינו וואס האט אלעס אוועקגעגעבן פאר השי"ת און זיך נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט צוליב זיין גרויס אהבה. די זעלבע האט השי"ת געטוהן מיט אונז, ער האט אונז געגעבן אזעלכע מדריגות און גרויסקייט, ער האט איינגעפלאנצט אין אונזערע נשמות א לעבטיגע נקודה פנימית, א חלק אלוקי ממעל, ער האט זיך באוויזן צו אונז אויפן בארג סיני, גערעדט צו אונז און געזאגט אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ. יעצט דארפן מיר בלויז זיך אויפוועקן און אנערקענען דערין. מיר דארפן איינזעהן אז מיר האבן אין זיך די הייליגע צמאון און בענקעניש צו אבינו מלכנו, און מיר דארפן בלויז ווען באנייען אונזער קשר און איהם ממליך זיין אויף זיך מיט אן אמת.

קומט אויס אז די אלע טעמים אויף מצות תקיעת שופר זענען באמת געקניפט און געבינדן און זענען איין גרויסע טעם. דער שופר קומט אונז באמת 'אויפוועקן' און מעורר זיין אונזערע נשמות, אז מיר זאלן אנהייבן שפירן אונזער פנימיות, מיר זאלן נתעורר ווערן, און 'וויינען' און קרעכצן פון געגועים און בענקעניש, גניחי גנח און ילולי יליל, ווי א טאטע וואס באגעגנט זיך מיט זיין באליבטע קינד וועמען ער האט שוין נישט געזען פאר יארן און זיין הארץ איז אויסגעגאנגען צו איהם. אלעס צוליב די הרגשה פון אהבת השי"ת, צו ווען דינען דעם אייבישטער

מיט אן אמת און געטריישאפט, אויף א וועג פון נַפְשִׁי חוֹלַת אַהֲבָתֶךָ, אזוויו עס איז געווען ביי 'עקידת יצחק' און 'מתן תורה'.

### ראש השנה איז די צייט פונעם שופר און נישט חצוצרות

יעצט לאמיר אריינקלערן און זיך מתבונן זיין אינעם חילוק צווישן שופר און חצוצרות. א טראמפייטער איז א כלי וואס א מענטש ערצייגט, דאס איז מעשי ידי אדם אין וועלכע דער מענטש האט ארויסגעברענגט זיינע מעשים מן הכח אל הפועל. ווי אויך איז דאס א כלי זמר וואס ווערט בעיקר געשפילט דורכ'ן מענטש, ער האט א שטארקע קאנטראל דעראויף, און לויט זיינע פעולות קען ער ארויסגעבן פארשידענע סארטן קולות און טענער פון געזאנג.

דאגעגן א שופר איז א נאטורליכע זאך, די הארן פון א בהמה וועלכע איז א חלק פון די בריאה, מעשי ידי הקב"ה, צו וואס דער מענטש דארף כמעט נישט צוליגן קיין האנט (אויסער אפשניידן פון די בהמה און עס אויסרייניגן, איז עס א פּארטיגע כלי). ווי אויך די קול וואס קומט ארויס פונעם קול שופר איז א קול פשוט, א נאטורליכע קול וואס איז גאנץ ווייניג משועבד צום מענטש וואס בלאזט, דער מענטש האט כמעט נישט קיין 'קאנטראל' איבער די ענדגילטיגע קול וואס קומט ארויס דורך איהם פונעם שופר.

קומט אויס אז די חצוצרות זענען מרמז אויף די חלק המעשים פון א איד, און די שופר איז מרמז אויפן חלק הרצון, די פנימיות, די געטליכע חלק אלוקי ממעל וואס געפונט זיך באהאלטן אין די טיפענישן פונעם מענטש.

ראש השנה איז די זמן פון אויפוועקן די פנימיות, מעורר צו זיין דעם איד אז ער האט אינעווייניג אין זיך א כוח פון אהבה און השתוקקות צום אייבישטער למעלה מהשגתינו, כוחות וואס מיר קענען ניטאמאל באגרייפן אדער מסביר זיין. דעריבער איז די מצוה דייקא מיט א שופר און נישט מיט חצוצרות, ווייל דאס איז די צייט פון ארבעטן אויף אונזער פנימיות, אונזערע רצונות און תשוקות, אויפוועקן אונזערע פארשלאפענע הרגשים און געגועים צו אבינו מלכנו, וואס דאס איז מרומז אינעם שופר.

אגב, ווי באקאנט האט מען אין בית המקדש יא געבלאזן ראש השנה מיט ביידע, סיי שופר און סיי חצוצרות, ווי די משנה זאגט אין **מסכת ראש השנה** (פ"ג מ"ג) שׁוֹפָר שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה... וּשְׁתֵּי חֲצוֹצְרוֹת מִן הַצְּדָדִין, שׁוֹפָר מַאֲרִיךְ וַחֲצוֹצְרוֹת מְקַצְּרוֹת, שֶׁמִּצְוַת הַיּוֹם בַּשּׁוֹפָר. צוויי כהנים זענען געשטאנען ביי ביידע זייטן פונעם כהן וואס האט געבלאזן שופר, און די חצוצרות האבן מקצר געווען און זיי האבן געלאזט דעם בעל תוקע מיט'ן שופר אויספירן א לענגערע תקיעה, וויבאלד די עיקר מצות היום איז מיט א שופר. טאקע אין בית המקדש וואס דארט איז געווען די תכלית הקדושה והשלימות, דער מקום פון השראת השכינה וואו אידן זענען נתעורר געווארן צו תשובה שלימה, דארט איז מען תיכף ומיד געשטיגן פון רצון צו מעשה. ווי נאר די פנימיות פון א איד האט זיך ערוועקט, האט ער דאס געקענט גלייך אריינליגן אין מעשים, און זיך נעמען צו טוהן 'עשה טוב' מיט א פרישקייט, וואס אויף דעם זענען די חצוצרות מרמז.

אבער אינדרויסן פון בית המקדש, בפרט בזמן הזה ווען מיר געפונען זיך נאך אינעם גלות הדעת, דארפן מיר משקיע זיין א באזונדערע עבודה אינעם אויפוועקן די חלק הרצון והתשוקה. מיר קענען נישט אזוי שנעל לויפן צו די חלק המעשה. אדרבה, אויב וועלן מיר פראבירן תיכף ומיד אנהייבן צו טוהן מעשים אויף די הויכע מדריגה פון אהבה און שמחה, וועט דאס גאר שנעל צוריק פארוואנדלט ווערן אין א 'טעכנישע' קשר מיט השי"ת, עס וועט ווייטער ווערן פארשלאפן און מצות אנשים מלומדה'דיג אָן קיין געהעריגע קיום.

דאס אויפוועקן די אינערליכע הרגשים און באמת ווערן דערנענטערט צו עבודת השי"ת אויף א דרגא פון נַפְשִׁי חוֹלַת אַהֲבָתֶךָ, געדויערט צייט, און קען נישט געטוהן ווערן אויף איין פיס. דערפאר האבן מיר א ראש השנה, א זמן פון מחשבה און התבוננות, א זמן אין וועלכע מיר זענען ממליך דעם אייבישטער אויף זיך, און מיר וועקן זיך אויף איהם צו דינען מיט אהבה און חשק, בשמחה ובטוב לבב, נישט נאר אויף יוצא צו זיין. **דאס דארף זיין פון אונזערע עיקרי עבודת היום און אונזערע מחשבות אין דעם טאג, צו ווערן דערנענטערט צו השי"ת און באנייען אונזער קשר מיט איהם אויף א העכער און טיפערע דרגא.**

דערנאך האבן מיר עשרת ימי תשובה און יום הקדוש אין וועלכע מיר זענען עוסק בתשובה ותיקון המעשים, מיר ברענגען ארויס מער און מער אונזערע רצונות און אונזער פנימיות, און אזוי וועקן מיר אויף אונזער נפש צוביסלעך, מיר ארבעטן אויף אונזער קשר מיט'ן טאטן אין הימל, ביז עס קומט זמן שמחתינו, דער יום טוב סוכות אין וועלכע מ'פלעגט בלאזן מיט די טראמפייטערס און כלי זמר אין בית המקדש, און עַד הַיּוֹם הַזֶּה מאכן מיר א זכר למקדש און פייערן שמחת בית השואבה מיט כלי זמר, וואס זענען מרמז אויף מעשי ידי אדם - די חלק המעשה וואס מיר קענען שוין בעזהשי"ת אויספירן מן הכח אל הפועל, מיר קענען שוין אנהייבן טוהן מצוות און מעשים טובים מיט די פריש-באנייטע הרגשים און אהבה צום אייבישטער.

ווי צדיקים האבן געזאגט, "עס זענען פארהאן מענטשן וואס טראכטן ראש השנה פונעם יאר, זיי זענען פארנומען מיט בעטן אויף פרנסה און אויף אנדערע הצטרכות'ן פונעם יאר, אבער באמת דארף מען טראכטן דורכ'ן יאר פון ראש השנה". אונזער עבודה דארף זיין צו געדענקן דעם ראש השנה א גאנץ יאר, די התעוררות פון די געגועים און בענקעניש צום אייבישטער, די נַפְשִׁי חוֹלַת אַהֲבָתֶךָ, די אהבה ורצון וואס ווערט דעמאלטס נתעורר און באנייט, דאס דארפן מיר געדענקן און פראבירן אנצוהאלטן א גאנץ יאר, נישט לאזן איינשלאפן די הייליגע געפילן פון אבינו מלכנו אין לנו מלך אלא אתה!

לסיכום געדענק:

- אויב מען זוכט נאר 'יוצא זיין' ביים טוהן די רצון השי"ת אדער נאר 'נישט עוֹבֵר זיין', איז דאס א שוואכע קשר. ווען מ'דינט השי"ת מיט אהבה און אמת, זוכט מען זיך נישט ארויסצודרייען, אדרבה, מען וויל טוהן וואס מער.
- יעדער איד האט זיך א תשוקה ואהבה נפלאה צו השי"ת. מענטשן פאלן אריין אין תאוות און עדיקשאנס, נאר ווייל זיי ווילן שטילן די אינערליכע דארשט און ווייסן נישט וויאזוי.
- די עבודת היום פון ר"ה איז צו ווערן דערנענטערט און באנייען אונזער קשר מיט השי"ת. די שופר קומט אונז אויפוועקן און מעורר זיין געוויין פון געגועים, ארויסצוברענגן די הרגשים פון "נַפְשִׁי חוֹלַת אַהֲבָתֶךָ".

## א לעכטיגע שבת קודש
## א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר!

לע"נ הר"ר משה שמעון הלוי ז"ל בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' שרגא פייביל שליט"א

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com